# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price 50¢ a Year. JUNE 1962 Vol. 46 - No. 10

# The Elephant and the Jewish Problem

**Are we Jews too touchy? Do we carry a chip on our shoulder? Do we have an inferiority complex? Or is it just plain downright sin? Read on and find out.**

THE teacher had finished the lesson in Zoology. She asked how many boys would like to write an essay on the elephant. One lad raised his hand and said that he would write on the subject, "The Elephant as Compared to the Other Wild Animals of the Jungle." Another boy raised his hand and said he would like to write on the subject, "The Elephant in his Native Environs." Then litle Isidor raised his hand and called out, "Teacher, my subject will be 'The Elephant and the Jewish Problem.' "

We never saw little Isidor's essay, and so we have no idea just how he handled the subject. But we might give Isidor a few suggestions. We could take the elephant and compare his various traits and characteristics with the various features of the Jewish problem. Or we could take the elephant and adopt exactly the opposite course, making a study of the contrasts between the elephant and the Jewish problem. For instance:

### COLOSSAL AND ETERNAL

The elephant is certainly a huge animal, perhaps the biggest in size and shape in all the wide areas of the jungle, unless it be that the hippopotamus gives him a close run on this point. And so indeed is the Jewish problem huge and ponderous and reaching out over the whole earth. Just think, there is not a nation under the sun today which is not in some way or other affected, or disturbed, or even excited, over the Jewish problem.

And then there is the fact that the elephant lives a very long time; zoologists tell us that the elephant lives longer than any other animal. But the Jewish problem has lived longer than any elephant. We think the Jewish problem began away back in the slave yards of Egypt, which would make the problem some 3,500 years old. But, to be conservative, let us assume that the problem did not begin until the year 135 A.D. when the Romans destroyed Jerusalem and scattered our Jewish people over the wide, wide world. Even on that basis, the Jewish problem is 1900 years old, and that is longer than the alleged longevity of the elephant, and the Jewish problem is still going strong, and seems to have no solution in view—which really has the world by the ears.

### RUNWAYS AND TREADMILLS OF EUROPE

And of course the elephant is a fast runner. You would not think so to see him lumber along in the sawdust arena of a circus. But we are told that when the elephant really gets started in the jungle, he goes like the wind, and very few animals can keep up with him. And now think how much running our poor Jewish people have done through the centuries of massacres, and exiles, and drownings, and robberies, and confiscation of property, and burnings at the stake! Some of the most poignant and heart-breaking pictures we have seen, have been of these poor Jews—men, women and children—one dragging the other by the hand, and running in a mad rush to escape the tortures of their persecutor. So, we might say as a further comparison, that the elephant can run, and so can the Jew!

In this vein we could continue almost indefinitely to discover the **likenesses** between these two entities. But let us now enlarge the view of our essay and take up some of the **contrasts** between the Jew and the elephant. Of course, we realize that we are slipping a cog when we mix up the Jew with the elephant instead of sticking to the original title, "The Elephant and the Jewish Problem." But after all, is not the Jew the very embodiment and essence of the Jewish problem? And if you had no Jews, would you have a Jewish problem? But now to the contrasts:

### OH, FOR A TRUNK!

The elephant has a trunk. But, alas and alack, very few Jews have trunks. Over the hills, through the vales, and into the forests of Europe these poor, homeless, exiled, hated Jews track their way, dragging their children behind them. But they have no trunks! Instead, there is slung across their poor tired shoulders, a gunny sack, at best, in which they have jammed in their few poor belongings. What wouldn't those poor Jews over in Eastern Europe have given to have a trunk to carry away their possessions in!

And then the elephant has a long, long memory. Moreover, he is extremely grateful, and has been known to show his gratitude many times and in strange places and in various ways. A story is told of an American doctor who went over to India as a missionary surgeon. Into his compound one day there came led by his keeper, a great big lumbering elephant, his front left knee evidently broken and bleeding. The surgeon got to work at once and did a most skillful piece of work, keeping the elephant there three or four days. He took very good care of him, and, lo and behold, in this short time the knee had healed up, and the elephant went away rejoicing.

## THE WONDERFUL GOD OF ISRAEL

**The Word of God tells of four ways in which the God of Abraham, of Isaac, and of Jacob still keeps His hand upon His covenant people, the Jews, since our deliverance from Egyptian bondage to the present hour, when so many of us have lost our faith in Him and put it in social and political idols. Are you interested enough in this matter to write to us for a free copy of our leaflet, "The Wonderful God of Israel"?**

**THE SHEPHERD OF ISRAEL, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.**

*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y. Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1879*

### MEMORIES OF THE JUNGLE

Twenty years passed, and now the scene changes. The doctor has returned to Chicago and has settled in his practice of surgery. The Barnum and Bailey circus came to town and was exhibiting in the Coliseum; it was its annual visitation to Chicago. So the doctor went to see the circus, for he was very fond of the jungle animals. He got a seat down in the lower section, which in those days cost very little, only 75¢. Soon began the blare of the trumpets, the huge curtains opened, and in came the Grand Parade with all of its dazzling sparkle and prancing horses, their riders clad in cloth of gold, and gay with all the colors of the rainbow. Suddenly, the doctor saw a large herd of elephants coming down the runway. Elephants always fascinated him; so he gazed on these elephants with great interest. As they came nearer to him, he noticed one with a slight limp. Then he looked more closely, and suddenly exclaimed to himself, "By George, that is the elephant upon which I operated back in India twenty years ago." And, lo and behold, as the elephant came thumping down the sawdust arena, his eyes turned upon this doctor. Suddenly he stopped and with every sign of recognition, he stretched out his huge trunk, and encircling the doctor, lifted him from his 75¢ seat and put him up in a $5.00 box!

### THE OX AND THE CRIB

But you know, strange as it may sound, our poor Jewish people truly lack this so blessed virtue of gratitude or of memory. Just see what God Himself has to say about this in Isaiah 1:2,3:

> **"Hear, O heavens, and give ear, O earth: for the Lord hath spoken, I have nourished and brought up children, and they have rebelled against me. The ox knoweth his owner, and the ass his master's crib: but Israel doth not know, my people doth not consider."**

The accusation given to Isaiah, "The ox knoweth his owner . . . but Israel doth not know," could just as well have been written, "The elephant knoweth his benefactor . . . but Israel doth not know."

What shall be said of a people for whose redemption God sent into the world His only begotten Son, to suffer such agony of torture and death as never mortal man had ever known before, and then to have this people reject the greatest sacrifice of all history, and refuse to believe in the Lord Jesus Christ? And not only that, but our Jewish people are always seeking some new sophistries and philosophic schemes to invalidate and ridicule the solemn record of the New Testament and of God's undying love for them. If this is not ingratitude, and if this is not a short memory, then we do not know what the English language means. Is it any wonder that God with breaking heart calls out in Hosea 5:15, "I will go and return to my place till they acknowledge their offense, and seek my face: in their affliction they will seek me early."

### IS PUNISHMENT THE ONLY LANGUAGE WE KNOW?

What God is telling us is that our poor blinded Jewish people will never turn to God as a nation until they go down to the deepest hell of affliction and punishment and world agony. Why should we show such ingratitude to God for having sent His only begotten Son for our salvation? What harm did the Christ ever do to us? What gratitude do we show when we express hate for Him who is really the lover of our souls?

And then we might make the observation that the elephant is thick-skinned. But we Jews, are we not too thin-skinned? An elderly Jewish couple landed in New York not so long ago, as refugees from the terrible savageries of the Nazis. They had suffered all the tortures of Jew hate. And now they were in free America, in fabulously rich New York. One evening they were walking up Broadway and passed by a fruit store. Out in front there was a large assortment of oranges. In one section, the fruitman had set aside a lot of small oranges, rather pulpy, intended for making juice, with a sign over them advertising the fact that they would be good for juice. Alongside of these, he had another assortment of much more attractive-looking oranges and larger in size. The poor Jewish woman said to him, "How much are the oranges?" And he asked her, "For juice?" When she heard that, she turned to her husband in fright, seized him by the arm, and said, "let's go away quick, Morris. See, even in America, there are anti-Semites."

This tragic mental condition is found foreshadowed in a melancholy and startling chapter of our Scriptures:

> **"And among these nations shalt thou find no ease, neither shall the sole of thy foot have rest: but the Lord shall give thee there a trembling heart, and failing of eyes, and sorrow of mind: In the morning thou shalt say, Would God it were even! and at even thou shalt say, Would God it were morning; for the fear of thine heart wherewith thou shalt fear, and for the sight of thine eyes which thou shalt see."** ***Deuteronomy 28:65,67.***

Leviticus 26 is another terrifying chapter. Here are a few verses which are an astonishing preview of today's sorrows:

> **"And I will scatter you among the heathen, and will draw out a sword after you: and your land shall be desolate, and your cities waste. Then shall the land enjoy her sabbaths, as long as it lieth desolate, and ye be in your enemies' land; even then shall the land rest, and enjoy her sabbaths, And upon them that are left alive of you I will send a faintness into their hearts in the lands of their enemies; and the sound of a shaken leaf shall chase them; and they shall flee, as fleeing from a sword; and they shall fall when none pursueth."** ***Leviticus 26:33,34,36.***

**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**

*Established by Leopold Cohn in 1894*



HEADQUARTERS

LEOPOLD COHN MEMORIAL BLDG.
236 WEST 72nd STREET
NEW YORK 23, N. Y.

**The Shepherd of Israel**

*Published monthly to make known to Israel the truth concerning the Messiah.*

If we Jews have that eternal inferiority complex, if we are so thin-skinned that we carry a chip on our shoulder just looking for an insult here and an insult there, what is the trouble with us? Is it not time we stopped fooling ourselves about "Anti-Semites," "psychoanalysis" and all the other mad ideologies that we drag out from the skeleton closet, so as to pat ourselves on the back and excuse ourselves for our wrong-doing? Is it not yet plain to every thinking Jew that there is no hope for us until we turn to Jehovah Who redeemed us from the lashes of the Egyptian overlords, and Who finally sent the Lord Jesus Christ, our Messiah? Is it not time that we examined all over again that final warning which the Lord Jesus Christ Himself gave us in Matthew 23:37-39:

> **"O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets, and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not! Behold, your house is left unto you desolate. For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."**

So here is our answer, and we do not need any psychoanalysts, or charlatans, or political demagogues, Arabs, or Egyptians, Great Britain, or even America. All we have to do is to turn with penitent heart and soul to Him whom our forefathers in their ignorance rejected and concerning Whom they cried out, "We will not have this man to rule over us!" We need now to turn to Him and confess the sins of our forefathers. And then, He will break through the clouds of heaven and come down for our deliverance. Why should we be so stupid and so stubborn that we refuse to try this cure? We have tried everything else. We have tried the most foolish things and they have all failed. Why not try this real cure?

אינדיע אלס א מיסיאָנאַרישער בירורג. אין איין טאָג איז צו זיין קאָמפּאָונד (א הויף מיט עטליכע געביידעס אין אינדיע) געקומען, שלעפּענדיג זיך מיט מאַטערניש, זייער א גרויסער עלפאַנט, געפירט פון זיין אויפזעהער, און זיין פאָדערשטע קני האָט אויסגעקוקט צו זיין צובראָכען און האָט געבלוטיגט. דער בירורג האָט זיך גלייך גענומען צו דער ארבייט און האָט געמאַכט א העכסט קונצליכע אָפּעראַציע. ער האָט געהאַלטען ביי זיך דעם עלפאַנט דריי אָדער פיר טעג און האָט געגעבען א באַזונדערס גוטע אויפזעאונג איבער אים. און, וואונדער איבער וואונדער! אין בלויז דיזע עטליכע טעג איז זיין קני פארהיילט געוואָרען און דער עלפאַנט האָט אוועקגעשפּרייזט זיך פרעהענדיג.

צוואַנציג יאָר זיינען פאַראיבער. דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקערט קיין שיקאַגאָ און האָט זיך דאָרטען באַזעצט, פּראַקטיצירענדיג בירורגיע. אין א קורצער צייט נאָכדעם, האָט דער באַוואוסטער באַרנום און ביילי צירק געמאַכט זיין יערליכען אָפּשטעל אין שיקאַגאָ. אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט זייער געגליכען חיות, האָט ער אין איין טאָג באַזוכט דעם צירק. ער איז געקומען צום צירק א ביסעל צו שפּעט און אַלע פאָדערשטע פּלעצער זיינען שוין געווען אויספאַרקויפט; דארום האָט ער געקראָגען א פּלאַץ אין דעם נידעריגען טייל פון צירק, וואָס האָט אין יענע טעג געקאָסט אַזוי וויניג ווי 75 סענט. באַלד האָבען זיך די שווערע פאָרהאַנגען פונאַנדערגעשפּרייט און דער פּאַראַד פון די חיות, מיט'ן גאַנצען עלעגאַנץ און לאַרם, האָט זיך אָנגעפאַנגען. דער דאָקטאָר האָט געזען א גאַנצע הורטע עלפאַנטען קומענדיג ארונטער פונ'ם בריקעל און, אַזוי ווי די עלפאַנטען האָבען אים אימער באַצויבערט, האָט ער זיך אין זיי שטאַרק איינגעקוקט. ווען זיי האָבען זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער באַמערקט, אַז איינער פון זיי טוט ליכט אונטערהינקען. ווען ער האָט זיך אין אים גוט איינגעקוקט, האָט ער צו זיך אַליין אויסגעשריען: „אַך, דאָס איז דאָך דער עלפאַנט, וואָס איך האָב אָפּערירט אין אינדיע צוריך מיט צוואַנציג יאָר!" אין דעם מאָמענט האָבען זיך ביידע אויגען פונ'ם עלפאַנט שאַרף איינגעקוקט אין דעם דאָקטאָר און, עס ווייזט אויס, אַז ער האָט אים דערקענט, וואָרים ער איז פּלוצים שטיין געבליבען, האָט אויסגעשטרעקט זיין ריזיגען שנויץ, האָט דעליקאַט ארומגעכאַפּט דעם דאָקטאָר, האָט אים אויפגעהויבען פון זיין 75-סענטיגען זיץ און האָט אים ארונטערגעלאָזען אין א 5-דאָלאַרדיגע לאָזשע!

אָבער, ווי מאָדנע דאָס זאָל צו אייך קלינגען, איז עס דאָך א פאַקט, אַז אונזער אידישען פאָלק פעלט די געבענשטע מעלה פון דאַנקבאַרקייט און א גוטען זכרון. זעט אָקאָרשט וואָס גאָט אַליין האָט צו זאָגען וועגען דעם אין ישעיה, קאַפּיטעל א, פסוקים 2-3.

„שמעו שמים והאזינו ארץ . . . הערט צו איר, הימלען, און פאַרנעם עס דו, ערד, וואָרים גאָט האָט גערעדט; קינדער האָט איך אויפגעצויגען און דערהייכט, און זיי האָבען ווידערגעשפּעניגט אין מיר. אָן אָקס ווייסט זיין קויפער און דער אייזעל די קאָרעטע פון זיין בעל־הבית, אָבער ישראל ווייסט עס נישט, מיין פאָלק באַטראַכט עס נישט."

די באַשולדיגונג, וואָס איז געגעבען געוואָרען צו ישעיה הנביא: „דער אָקס ווייסט זיין קויפער . . . אָבער ישראל ווייסט עס נישט", האָט געקענט פּונקט אַזוי גוט געשריבען ווערען: „דער עלפאַנט ווייסט זיין וואוילטעטער . . . אָבער ישראל ווייסט עס נישט."

וואָס זאָל געזאָגט ווערען וועגען א פאָלק, פאַר וועמענס ערלייזונג גאָט ב"ה האָט געשיקט אין דער וועלט, אַזוי ווי ער האָט מבטיח געווען, זיין בן־יחיד, צו ליידען אַזעלכע פּייניגונגען און טויט, פון וועלכע א שטאַרבענדער מענש האָט קיין מאָל פריער נישט געוואוסט, און צום סוף זאָל דיזעם פאָלק פאַרוויזען דיזען קרבן — דער גרעסטער אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע אויב דאָס איז נישט אונדענקבאַרקייט און אויב דאָס איז נישט א קורצער זכרון, דאַן ווייסען מיר נישט וואָס די צוויי געגענשטאַנדען מיינען. איז דען א וואונדער, וואָס גאָט ב"ה שרייט אויס, מיט א צובראָכען האַרץ, אין הושע, קאַפּיטעל 5, פסוק 15: „אלך אשובה אל מקומי . . . איך וועל גיין און זיך צוריקקערען צו מיין אָרט ביז זיי וועלען דערקענען זייער שולד און וועלען זוכען מיין פּנים, ווען עס וועט זיי ענג זיין וועלען זיי מיך פרי זוכען."

דאַן, קענען מיר באַמערקען, אַז דער עלפאַנט איז דיק־הויטיג. אָבער מיר, אידען, זיינען מיר דען נישט דין־הויטיג? טוט נישט יעדער קליינינגקייט אונז אויפרעגען?

וועגען דעם טראַגישען צושטאַנד קענט איר לייענען אין דברים, קאַפּיטעל כ"ח. אָט האָט איר בלויז איניגע פסוקים:

„ובגוים ההם לא תרגיע . . . און אונטער יענע פעלקער וועסט דו קיין רו נישט האָבען, און ס'וועט נישט זיין קיין מנוחה פאַר דיין פוסטריט, און גאָט וועט דיר דאָרטען געבען א דערשראָקען האַרץ און פאַרבלענטע אויגען, און א טרויעריג געמיט. אין דער פרי וועסט דו זאָגען, הלוואי זאָל שוין ווערען אָוונד, און אין אָוונד וועסט דו זאָגען, הוואי זאָל שוין ווערען פרימאָרגען, מחמת דער שרעק פון דיין האַרץ, וואָס דו וועסט זיך שרעקען, און מחמת די זעאונג פון דיינע אויגען, וואָס דו וועסט זען." (דברים כ"ח:65 און 67).

זעט אויך דאָס פיל מער שרעקליכע קאַפּיטעל אין ויקרא כ'ו. דאָ האָט איר עטליכע פסוקים פון דיזען ערשטוינענדען פאָרויסזען פון היינטיגע ליידען:

ואתכם אזרה בגוים . . . און אייך וועל איך צושפּרייטען אונטער די גוים, און איך וועל אַרויסציען א שווערד נאָך אייך, און אייער לאַנד וועט זיין וויסט, און אייערע שטעט וועלען זיין צושטערט. דאַן וועט דאָס לאַנד געניסען זיינע שבתים אַלע טעג פון דער פאַרוויסטונג און איר אין דעם לאַנד פון אייערע פיינד, דאַן וועט דאָס לאַנד רוען, און עס וועט געניסען זיינע שבתים. און אויף די איבערגעבליבענע פון אייך וועל איך ברייננגען שטאַכטהאַפטיגקייט אין זייער האַרץ, אין די לענדער פון זייערע פיינד, און דער גערויש פון א שאָקענלדיגען בלאַט וועט זיי יאָגען, און זיי וועלען אַנטלויפען אַזוי ווי מ'אַנטלויפט פון א שווערד, און זיי וועלען פאַלען ווען קיינער וועט זיי נישט יאָגען." (ויקרא כ'ו: 33, 34 און 36).

אויב מיר זיינען אַזוי דין־הויטיג, אַז מיר טראָגען א שפּאָן אויף אונזערע אַקסעל און אין יעדער מינדסטע אונוויכטיגקייט זעען מיר א באַליידיגונג דאָ און א באַליידיגונג דאָרטען, וואָס־זשע איז די צרה מיט אונז? איז שוין נישט צייט אויפצוהערען זיך אַליין צו נאַרען מיט פּסיכאָ־אַנאַליזירען אַנטיסעמיטיזם און אַלע אַנדערע משוגענע אידעאָלאָגיעס? איז נאָך אַלץ נישט קלאָר פאַר יעדען רעכטדענקענדען אידען, אַז אונזער האָפנונג — דאָס איינציגע, וואָס איז פאַר אונז געבליבען — איז צו קערען זיך צו גאָט, וואָס האָט אונז אויסגעלייזט פון די הענט פון די מצרים און ענדליך געשיקט דעם האַר ישוע — אונזער משיח? איז שוין נישט צייט, אַז מיר זאָלען איבער־אַ־נייעם עקזאַמינירען די לעצטע וואָרנונג וואָס דער האַר ישוע המשיח אַליין האָט אונז געגעבען אין מתתיהו כ'ג: 37, 38 און 39.

„ירושלים ירושלים ההרגת את־הנביאים . . . ירושלים, ירושלים, וואָס הרג'עסט די נביאים און שטייניגסט די, וואָס זיינען געשיקט צו דיר! וויפיל מאָל האָב איך געוואָלט צונויפזאַמלען דיינע קינדער, ווי א הון זאַמעלט איין אירע הינדעלעך אונטער אירע פליגעל, און איר האָט נישט געוואָלט. זעט, אייער הויז וועט אייך בלייבען חרוב. וואָרים איך זאָג אייך, פון איצט אָן וועט איר מיך נישט זען, ביז איר וועט זאָגען: געבענשט איז דער, וואָס קומט אין נאָמען פון גאָט."

אָט א דאָ האָט איר דעם ענטפער. מיר דאַרפען נישט קיינע פּסיכאָ־אַנאַליסטען אָדער וועלכע פּאָליטישע איינפלוסען און ווירקונגען, אָדער וועלכע אַראַבער, אויך נישט וועלכע מצרים (עגיפּטער). מיר דאַרפען נישט ענגלאַנד און אויך נישט אפילו אַמעריקאַ. אַלעס וואָס מיר דאַרפען טאָן איז צו קערען זיך מיט חרטה פון האַרץ און נשמה צו אים, וועמען אונזערע אור־עלטערען, אין זייער אונוויסענהייט, האָבען פאַרוויזען. מיר דאַרפען זיך איצט קערען צו אים און באַקענען די זינד פון אונזערע אור־עלטערען. דאַן וועט עס געווים צורייסען די הימלען און ארונטערקומען אונז צו באַפרייען. פאַרוואָס זאָלען מיר זיין אַזוי טעמפּ און אַזוי איינגעעקשנ'ט און זיך ענטזאָגען צו פּרובירען די רפואה? מיר האָבען פּרובירט אַלע אַנדערע מיטלען און זיי זיינען געווען א דורכפאַל! פאַרוואָס נישט אָננעמען די ריכטיגע רפואה פאַר א פּראָבע?

## יהי אור · זאָל זיין ליכט

**"ארור אשר לא יקים את דברי התורה הזאת לעשות אותם." ד. ה. פאַרשאָלטען זאָל זיין דער, וואָס וועט נישט מקים־זיין די ווערטער פון דיזער תורה זיי צו טוהן. (דברים כ"ז: 26) זייט איהר אונטער דעם "ארור"?**

אָנֹכִי הוּא הָרֹעֶה הַטּוֹב יוחנן 10־11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

וַהֲקִמֹתִי עֲלֵיהֶם רֹעֶה אֶחָד יחזקאל ל"ד,23

**א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח**

**— THE SHEPHERD OF ISRAEL —**

Subscription Price 50¢ a Year. JUNE 1962 Vol. 46 - No. 10


# דער עלפאנט און דאס אידישע פראבלעם.

די לעהרערין האט פארענדיגט די אונטעררייכטונג אין זאאלאגיע (די וויסענשאפט וועגען חיות). זי האט געפרעגט וויפיעל אינגלעך וואלטען וועלען שרייבען א קורצע אבהאנדלונג וועגען דעם עלפאנט. איין אינגעל האט אויפגעהויבען זיין האנר, איז אויפגעשטאנען און האט געזאגט, אז ער וועט שרייבען אויף דער טעמא: „דער עלפאנט אלס א פארגלייכונג צו די אנדערע ווילדע חיות אין דעם דזשאנגל" (א געדיכטער וואלד אין אינדיע.) אן אנדער אינגעל האט אויפגעהויבען זיין האנד און האט געזאגט, אז זיין טעמא וועט זיין: „דער עלפאנט אין זיין היימישע סביבה." דאן האט דער קליינער איזידאר אויפגעהויבען זיין האנט, איז אויפגעשטאנען און אויסגערופען: „לעהרערין! מיין טעמא וועט זיין: 'דער עלפאנט און די אידישע פראבלעם'."

מיר האבען קיין מאל נישט געזעהן דעם קליינעם איזידאר'ס אפהאנדלונג און מיר האבען נישט די קלענסטע פארשטעלונג ווי אזוי ער האט באהאנדעלט דיזע טעמא. אבער מיר קענען זי אליין אויפנעמען און געבען איזידאר'ס עטליכע אנדייטונגען. מיר קענען נעמען דעם עלפאנט און פארגלייכען זיינע פארשידענע שטריכען מיט די פארשידענע אייגענשאפטען פון דער אידישער פראבלעמע. אבער מיר קענען אננעמען א פארקערטע ריכטונג; דאס הייסט, מיר קענען באהאנדלען די געגענזאצען צווישען דעם עלפאנט און דער אידישער פראבלעם. צום ביישפיל:

דער עלפאנט איז זיכער א ריזיגע חיה, פילייכט די גרעסטע אין מאס און פארם אין די ווייטע שרעקעם פון דעם דזשאנגל. און אזוי איז ווירקליך די אידישע פראבלעם — ריזיג און אומגעלומפערט און אויסגעשטרעקט איבער דער גאנצער ערד. דענקט נאר! ס'איז היינט־צו־טאג נישט פאראן א פאלק אונטער דער זון, וועלכעס, אויף אזא אדער אנדער אופן, איז נישט בעאיינפלוסט, אדער בעאונרוהיגט, אדער אפילו אויפגערעגט איבער דער אידישער פראבלעם.

ס'איז אויך א פאקט, אז דער עלפאנט לעבט א לאנגע, לאנגע צייט. די זאאלאגיסטען דערציילען אונז, אז דער עלפאנט לעבט איבער א טויזענד יאר. אבער די אידישע פראבלעמע לעבט לענגער ווי דאס. מיר דענקען, אז די אידישע פראבלעם האט זיך אנגעפאנגען לאנג צוריק אין די שקלאפען־הויפען אין מצרים, וואס מאכט די פראבלעמע ביי 3500 יאר אלט. אבער צו זיין קאנסערוואטיוו, לאמיר אננעמען, אז די אידישע פראבלעם האט זיך נישט אנגעפאנגען ביז דעם יאר 70, נאך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, ווען טיטוס הרשע האט צושטערט ירושלים און פארטריבען אונזער פאלק, וואס איז צושפרייט געווארען איבער דער ווייטער, ווייטער וועלט. אפילו אזוי, איז די אידישע פראבלעם 1900 יאר אלט; און דאס איז כמעט צוויי מאל אזוי פיל ווי דער אנגעגעבענדער לעבענס־דויער פון דעם עלפאנט. און די אידישע פראבלעם האט זיך נישט פארענדיגט מיט די 1900 יאר, נאר זי ווערט נאך שטארקער און שטארקער, און עס זעט אויס, אז ס'איז נישטא קיין אויסזיכט אויף איר אויפלעזונג אין דער נאענטער צוקונפט.

דער עלפאנט איז אויך א שנעלער לויפער. איר וועט נישט דענקען אזוי, ווען איר וועט אים זען זיך שלעפען אין דער, באשפרייטער מיט זעגאכץ, ארענא פון דעם דעם אמעריקאנעם צירק. אבער מיר זיינען אינפארמירט, אז ווען דער עלפאנט פאנגט אן צו לויפען אין דעם דזשאנגל, לויפט ער ווי דער ווינט, און זייער ווינציג חיות קענען אים נאכהאלטען. און איצט דענקט ווי אזוי אונזער ארים אידיש פאלק טוט לויפען דורך די יאר־הונדערטער פון פאגראמען, פון אכזריות, פון שחיטות און פון פארברענט צו ווערען אויף די שייטער־הויפענס. איז דאס נישט די אורזאך פארוואס אונזערע ארימע אידען זיינען איבערגעלאפען גאנץ אייראפא? אייניגע פון די שמערצליכסטע און הארץ־ברעכענדע מאלערייען, וואס מיר האבען ווען עס איז געזען, טוען פארשטעלען דיזע ארימע אידען — מענער, פרויען און קינדער — שלעפענדיג אייגער דעם אנדערען ביי די הענט און אנטלויפענדיג אין א ווילדער איילעניש פון זייערע פארפאלגער און פיינדער. און אזוי קענען מיר זאגען, אלס א ווייטערע פארגלייכונג, אז דער עלפאנט קען לויפען; און אזוי קענען אויך די אידען!

אין דיזער ריכטונג קענען מיר פארטזעצען, כמעט אויף אן אומבאגרענעצטען אופן, די פארגלייכונגען און ענליכקייטען צווישען דיזע צוויי וועזענהייטען. אבער לאמיר איצט פארגרעסערען דעם אנבליק פון אונזער אבהאנדלונג און לאמיר אויפנעמען אייניגע פון די געגענזאצען צווישען דעם אידן און דעם עלפאנט.

מיר וויסען, אז מיר נייגען זיך אפ א ביסעל, ווען מיר טוען צוזאמענמישען דעם אידן מיט'ן עלפאנט אנשטאט צו האלטן זיך ביי דעם נאמען פון דער אפהאנדלונג: „די אידישע פראבלעמע און דער עלפאנט". אבער, נאך אלעמען, איז נישט דער איד די פארקערפערונג און דער תמצית פון דער אידישער פראבלעם? און איצט לאמיר אויפנעמען די געגענזאצען.

דער עלפאנט האט א לאנגען, לאנגען זכרון און ער איז אויך, ביז'ן העכסטן גראד, דאנקבאר. ער איז באוואוסט מיט זיין ארויסצייגן דאנקבארקייט אויף א זונדערבארען אופן און אין פארשידענע וועגען. א געשיכטע ווערט דערציילט פון אן אמעריקאנעם דאקטאר, וועלכער איז אוועקגעפארען קיין


*Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews, 236 West 72nd Street, New York 23, N. Y.*
*Entered as Second Class Matter November 20, 1945, at the Post Office at New York, N. Y. under the Act of March 3, 1879*